# לאַגלען

נאָוועמבער 1921
ערשטער נומער — ערשט יאָר

## דאָס ליד פון דורכפאַל

דורך געריש צו שטילקייט.
עפּשער
פון געריש — שטילקייט.
פון פּינטעלע צו דער ליניע,
פון דער ליניע צום דרייעק,
פון דרייעק צום פּאָליגאָן.
עפּשער צוריקוועגס.
פון וואַנען אָנהויבען שפּינען.
ביז וואַנען.
(מיסטעריעזער קנייל)
מיר די עפּעמערע באַווילען אייביגקייט.
מיר די עפּעמערע ווילען וויסען פון וואַנען.
פון גאָרניט עפּעס:
באַשאַפען.
גאָט, מיר באַשאַפען אויך.
אָט אזוי באַשאַפען מיר.
אומצופרידענקייט, דורכפאַל.
באַשאַפען מיר אָט אַזוי
אומצופרידענקייט, דורכפאַל.
דורכפאַל,
דורכפאַל,
דורכפאַל.
פון ערד ביז הימעל אַ לייטער מיט שטאַפּלען פון דורכפאַל.
מיר קלעטערען אויף דער לייטער.
הימעל. V
ז IV
י III
ב II
פון ערד — I
ביז הימעל.
ביז הימעל.
נאָך ניט קיין הימעל.
אָבער באַלד הימעל.
נאָך דורכפאַל.
נאָך דורכפאַל.
די שטאַפּלען פון דער לייטער מערען זיך.
באַלד הימעל.

יעקב גלאַטשטיין

## נאָטיצען וועגען דער ענגלישער פּאָעזיע

### קאַרל סאַנדבורג

קאַרל סאַנדבורג'ס באַנד לידער[1] איז דאָס מערקווירדיגסטע אויב ניט דאָס בעסטע, וואָס די ענגלישע פּאָעזיע—אַמעריקע און ענגלאַנד צוזאַמענגענומען—האָט ביינעטראָגען צום יאָר 1920. קיין נייַ „סאַנדבורג" איז עס נישט. דורך דעם בוך ציט זיך ווי אַ באַזונדערע בענשונג דער שנוה, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבען מיט „שיקאַגאָ לידער"[2] און דעם צווייטען בוך זיינעם. וועלכער איז זיכער דער בעסטער. נישט אַכטענדיג דערויף, וואָס ער האָט געוואונען בעשותפות מיט אַ גראַציעזער גראַמען-פּלעכטערין דעם קאָלומביאַ-אוניווערסיטעט-פּרייז פאַר פּאָעזיע. די אינגרעדיענטען זיינען: רויע קראַפט, נעוואַגטקייט און „גרויע מאַטעריע".

1) Carl Sandburg: Smoke and Steel, *Harcourt, Brace & Co., 1920.*

2) Chicago Poems, 1914; Cornhuskers, 1918. Henry Holt & Co.

„שיקאַגאָ פּאָעמען" איז דאָס ערשטע ליד אין דעם גרויסען אַטעם-פאַרכאַפּענדיגען לידער-ציקל וואָס קאַרל סאַנדבורג האַלט אין פּראָצעס פון שרייבען. אַ ד גלויב, און האָף אין דער פאַרווירק־ליכונג, אַז סאַנדבורג'ס קאָנפידענץ צו ווישאַזעפּין בעלל, דאָס ער האָט מאַטעריאַל פאַר נאָך זעקס גרויסע בענד, איז ווייט פון אַ באַרימעריי.

אַלץ וואָס סאַנדבורג האָט אָנגעשריבען איז אַ פול-ברוסט-גער און וואונדערשטאַרקער אויסגעשריי פון אַ יונגען אַמעריקאַנער, וועלכער איז דורכגעגאַנגען אַלע אַפּטיילען פון אַמעריקאַנער געהענעם: ער ווייסט ווי די „גאַרדעס" אַז דאַבליו אַרבייטען אין די היים-וויגטיגע פּריירים; ווי די לאַנגע, אויסגעדאַרטע, ביינערדיגע פּאָליאַקען, שוועדען און פינען ווערען פאַרשוואַרצט אין די קוילען, שמאָל און אייזען שאַכטעס. ער האָט אויך געדינט דעם טייוועל פון גאַס-גען זשורנאַליזם און פּאָליטיק פון הינטער-פאַרמאַכטע-טירען. און דערציילען דער־ציילט ער עס מיט אַ האַרץ-פאַרכאַפּענדיגען טעמפּאָ פון אַן אייגענעם, כאָטש עפּעס אומאַמעריקאַנישעס ווערט סוגעסטירט אין דעם וועג און אויפען פון זיין דערציילען. האַמסון'ס סקאַנדינאַווישער לאַנדסמאַן, פאַרמאָגט ער אין זיך אַ סאַך האַמסונישעס. סיידען מיר זאָלען עס רופען סאַנדבורגיש. אַזוי פּאַנעמדיג, אַזוי אויסגעשפּראָכען און פּ נאַל־זיינס איז עס.

דאָס ערשטע בוך האָט געמאַכט אַ פּאָר אַלטע רעאַקציאָ־נערען צום שטויגען...אומאַנגענעם. אַן ענגלישער נאָבעלמאַן און רעדאַקטאָר — ביידע זאַגען טראַדיציאָנעל — פון אַ קאָנסערוואַטיוו-באַשיידענעם זשורנאַל האָט גע־פונען פאַר אַן אַזעס ווי די יונגע קומען צעשטערען און מאַכען צו נישט „די גלאָררייכע טראַדיציע" פון קיטס און שעלי, נישט־האָבענדיג דעם מינדעסטען באַגריף וואָס עס איז פּאָעזיע. פאַר־שטייען זיי, די יונגע, ווי ביליג, נאַריש זיי מאַכען זיך? ווי די אַלטע מוזען קוקען אויף דעם יונגען דאָר דיכטער ווי אויף מיעסע שראַצים, וואָס פרעסען די ברעגעס אַרום האַרץ און פאַר־מיעסען דעם סטאַנדאַרד פון מאָדערנער קונסט? די זשאַנטיל־האָם ליטעראַטען זיינען געבליבען מיט זייערע מוילער צעעפענט, און „ווער עס לויפט קאָן זען" די ציילען צעפוילטע ציין אין זייערע לעבער־מיילער און פאַרשטיין פאַרוואָס זייער מאָס איז — „ראָד" קיפּלינג און „באָב" סערווים. מויבעל!

פאַר אונז געפינט סאַנדבורג אַמעריקע. ער איז די געלונגענסטע רעפּיניציע פון אַמעריקע פאַר אונז. זיינע מענשען, זיין לופט, זיינע בלומען, זיין פּאָקאַהאַנטאַס איז אונזער אַטמאָספערע. מיט אים קריכען מיר אַרויס פון דער בלאָטע פון די צופעליגע וועגדרייקס, רעפּלייערס, וואָך־רעגעט־לערס. ווייל מיר זענען אַמעריקע נאָך אַלעמען, און טייער איז עס אונז, און הייליג איז עס אונז דאָך נישט און מיר זאָגען דאָס נישט צוליב אונזער לויב. מיר זענען, און דערפאַר איז שוין אויך מעמילע קאַרל סאַנדבורג. זיינע לידער זענען נישט קיין פּאָעזיע ווי וואָלט וויטמאַנ'ס זענען עס נישט. זיי זענען אָבער מער ווי פּאָעזיע ווי וואָלט וויטמאַנ'ס זענען עס.

עפּיזאָדען אין לעבען און — קראַנקהייט. עפּיזאָדען אין לעבען און — קושען און ליבע. עפּיזאָדען אין לעבען און — טויט. עפּיזאָדען אין לעבען און — כאַפּט זיך ווי פאַרצאַפּעלט אַ נייַ לעבען ערגעץ אַרויס פון דער מיטען. דער „שטאַרק" האָט דאָס אַריינגעוואָרפען דורך דעם קוימען, פון וואַנען עס זעצט אַ רויך. אויף וועלכען סאַנדבורג פאָרעט אַרויף העטהעט אין די ה מלען. כאָטש ליב האָבען — אַך, ווי ליב! — האָט ער די קאַלטע, גע־זונטע, בלוטיגע, שוואַרצע ערד.

מיכל ליכט

## בריף I

טייערער פריינט און קאָלעגע ראַבאַי.

נעמט ניט פאַר אומגוט מיין פלוצומדיג שרייבען צו אייך: עס איז ניט קיין זשעסט פון אַ „גרויסען שרייבער". אויב ס'זאָל זיך אפילו פאַרגאַנווענען ביי מיר אַזאַ געדאַנק, איז ער דאָך אַזוי ערלויבליך, ווייל אַזוי מענשליך. כ'ווייס אָבער גענוג דעם ראַזינען געדאַנק אין קיהלערע מינוטען צו צאַמען. כ'וויל אייך פּשוט דערציילען אַ פּאָר ווערטער, ניט פון איין קאַמער־באַזוכער צו אַ צווייטען, נאָר אַ פּאָר איינפאַכע ווערטער פון מיר, ביי זיך אין הויז, צו אייך, אין אייער הויז.

כ׳ליין געוועגליך שוין א ביסעל צו פיל פּאָעזיע, האָב איך באשלאָסען זיך „אָפּרוען" פון פּאָעזיע און אריינבליקען אין אייערע ביכער, וואָס איר זענט אזוי פריינטליך געווען מיר צו שענקען, און זאָל מיך גאָט ניט שטראָפען, וואָס אין מיין געדאנק האָב איך אלץ אין זינען געהאָט די מעכיצע צווישען פּאָעזיע און פּראָזע. כ׳האָב אנגעהויבען ליינען און, ס׳איז מיר שוין, ווייזט אויס, ניט באשערט געווען זיך „אָפּרוען" — כ׳האָב זיך ווידער געפונען אויף דעם אלט־באקאנטען שלאָך פון פּאָעזיע. ווען „מיר" ווילען געוועגליך א „הויב טאָן" א פּראָזע שרייבער, רופען מיר אים דיכטער, אבער מיר האָבען די גאנצע צייט אין זינען, אז מיר טוען אים א טויווע, מיר דערהויבען אים צו א העכערען ראנג. איר, אבער, טייערער ראבאי, זענט א דיכטער „פּשוטו כמשמעו" און א גאר, גאר גרויסער.

כ׳וואָלט וועלען וויסען דעם סאָד, ווי אזוי איר פאַרט ווערטער. כ׳מיין, וואָס ליגט ביי אייך צווישען וואָרט און וואָרט. עפּעס ניט קיין געוועגליכער אפזאץ, נאָר גאנצע אנשלאָפענע וועלטען מיט שטילקייט — שיישעס יעמיי בעריישעסדיגע שטילקייט, און אייער סטיל אזא לויטערער, דאָס איז פּאשטעס פון אן ערשט־קלאסיגען ווירטואָז, דאָ איז ניט א מענש אראָפּ צו פּאשטעס, צו אייער פּאשטעס דאַרף מען זיך דערהויבען.

כ׳וויל אייך ניט זאגען די אויסגעדראשענע שוואכים, אז עס שמעקט מיט ערד פון אייערע ערציילונגען. איך וועל אייך נאָר זאגען, אז איך נעם זיך אונטער מיט זיי צו קורירען א גאנצען רעגימענט נערוואָסטעניקער. וויפיל רו, וויפיל קינסטלערישע געמיטליכקייט, וויפיל ליבע, וויפיל איבערגעגעבענקייט צום וואָרט, וויפיל ליבע צו אייערע מ ע נ ש ע ן, צוויי־פוסיגע און פיר־פוסיגע, וויפיל פיינער הומאָר, וויפיל צניעס, וויפיל דעליקאטער אומעט, ניט דער שרייענדיגער, דער היסטערישער, נאָר דער פארטראכטער און, ערלויבט מיר צו זאגען, רער איינזיכיגער.

דער זון־שטראל פון אייער ערציילונג „איינמאל ווען א זון־שטראל", בלאנזשעט איבער אלע אייערע ערציילונגען, און מאכט זיי אלע אזוי פּאטערליך־נאָענט, אז נאָכאמאל ווערט מיר אונזער ליטעראטור, די אידישע ליטעראטור, נאָענט און ליב, אז כ׳באטראכט עס פאר אן עמעסען טאנעג צולייגען א האנט. אין איין צייט מיט אייך, טייערער ראבאי.

פריינטליך אייער,

יעקב גלאטשטיין.

# אַ שוימער

ווי פאַר אַן אַלטען דעמב
זענען יאָרען פאַר מיר פאַרבייגעגאַנגען.
אויף די בלעטער פון מיין שטאַם
האָבען דוירעס זייערע מייסים פאַרשריבען.
איז מיר געבליבען, אַ שוימער צו זיין.
דער צופאַל האָט מיך אויסערוויילט אַ שוימער צו זיין.

ביזע נעכט האָבען מיט דונערען געשראָקען,
האָבען ברענענדיגע בייטשען צו די הימלען געוואָרפען;
ווען זיי זענען צוריק צו דער ערד געפאַלען
האָט שוין שטאָט און וואַלד געברענט —
וואָס האָב איך געקאָנט טאָן
ווען פלאַמען האָבען מיין קאָפּ געגלעט
און מיינע גלידער געזעגנט?
פאַרדרענגט אין זיך בין איך יעדען ווידערשטאַנד
אויסגעשטאַנען,
מיט האַלב־בלינדע אויגען פונ׳ם בראַנד
האָב איך אַלץ וואָס איז מיין אָנדענק טייער געווען
צונויפגעקליבען.
ווייל עס איז מיר געבליבען אַ שוימער צו זיין,
דער צופאַל האָט מיך אויסערוויילט אַ שוימער צו זיין.

יעקב סטאָדאָלסקי

# שטילעבען

1.

ווי קיהלע, פולע בריסט, מיט אַ באַהאַלטען פייער,
ליגען שווערע טרויבען נעבען ברוינע,
מענליך לאַנגע באַרען.
פרוייענהאַפט פאַרשייטע, מיט פאַרצערטער רויטקייט,
טוליען זיך צוויי עפּעל צו אַ קאַלטען,
פול מיט כאָכמע שיינענדיגען אָראַנזש.
ווי די גוילעמס טעמפּע גלאָצען צוויי באַנאַנען.
גיריג ווי אַ מיידעל נאָך אַן ערשטען קוש,
רייסט זיך פונ׳ם שטענגעל רויט אַ קאַרש.

2.

די קאַלטע שוואַרצע וואַזע —
אַ שלאַנקער אינגלינג וואַרטענדיג אויף אַ באַפעל,
וואָס הויבט אויף הויך,
אַ שטענגעל דין און העל, מיט צאַרטע ווייסע גלעקלאַך.
אָרום דעם שטענגעל,
ווי אַן אומענטליכער וואָלקען, פול צעבליטער בעז.
פאַרמישפּעטע צו אייביגער פאַרשלאָסענקייט,
בייגען זיך דעם ראַנד אַריבער
רעזיגנירטע לאַנדישען.

3.

ברויט און קעז און האָניג אויפ׳ן פראָסטען טיש,
גאָלדיג רופט צו זיך דער טיי
אין דינע גלעזער צוויי.
און גרינליך, קיהל און פריש,
ווינקט דער וואַסער קרוג, באַצויגען מיט אַ טוי.
אויף אַ קאַנט דאָס טאַשען טיכעל פון אַ פרוי.
און דערביי אַ קליינע, קלוגע האַנט
אויף אַ שמאָלען לידער־באַנד,
אין ווייך קאָלירטען זייד.

ר. אייזלאַנד

# טאַאָס

לאַנגע רייען הויכע שטיינערנע גלאַדיאָלען.
ווייטער פלעסק פון ווייט זיך גליטשענדע גאָנדאָלען.
ציטער־שיין פון טויטע, גאָלדענע קופּאָלען.
איך — אַליין.

שלאָס פון קאַלטע, בלישטשענדיגע כריזאָפּראַזען.
אומעטום — דראַקאָ ע.־בייכעדיגע וואַזען.
טראָן פון בלאָליך־גרינליך־געלבליכע טאָפּאַזען.
איך — אַ שטיין.

געצען — שטערענס קופּער, אויגען פון רובינען,
געצען — לענדען מעש, מיט אויגען פון בורשטינען,
קומען בויגען, נייגען, בוקען זיך און דינען,
דינען מיר.

און זיי זינגען: ס׳שפּילט אַוראָראַ באָרעאַליס,
ס׳בענקט די בענקעניש פון אַלע פרינצען־אַליס,
ס׳טרוימט דער בלאָער טרוים פון בלאָנדען דייטש
נאָוואַליס,
בלויז פאַר דיר.

און זיי בעטען: גיב אַ קלאַפּ אין דיינע טאַצען,
גיב אַ פאָך מיט דיינע גאָלדענע פּאַלאַצען,
זאָלען פאַרבען־פאַנצער, טרוים און בענקשאַפט פּלאַצען,
שנעל — צעשטער!

און זיי וואָרנען: ס׳האָט אונז מיד געמאַכט דער כאַאָס,
מיד דער שטרענגער, ווייטער, גרויזאַמער צאַוואַאָס.
איצטער זענען מיר אויך מיד פון דיר, אַ טאַאָס.
שוין. ניט מער.

דו אויף מיט דיינע אָפּפער פון קאָלירען,
די שטיינער־הימנען, בענקעניש־טורנירען,
שוין אויף, דו, אונזער ברודער צו פאַרפירען.
פאַרגיין.

איך די האַסראָעס פון די ברידער־געצען,
עק מיין אָרעם אויס, צעקוועטש זיי אין די נעצען,
באַשמיר מיין לייב מיט זייערע פאַרבען־פעטסען.
ב — אַ שטיין.

א. לעיעלעס

## דאָס ליד פון צוויי שיך.

אָס ליד פון די צוויי שיך,
אַ גלייכען וועג.
אָס ליד פון צוויי שיך,
ן פאַרלוירען דעם גלויבען אין פיס.

איינמאָל אַן איבערגעוואַקסענער נאָגעל
עט אין זייך פונ׳ס זאָק;
עדער אַ צוואָק ווי אַ צונג אַרויסגעשטעלט
ך־לעק געטאָן אין פיאַטע.

פאַרדרויטעלט די פאַרהאַרטעוועטע פיאַטע
ערונג איבער׳ן פוס זיך צעשפּרייט.

ידישער פוס ביינאַכט
זיך מיט זיך אַליין נישט אייניגען.
געגען אַ הילפלאָזער פריינט:
רעך אים אָפּ: קאַטשענדיג אייער, מיט קרייטעבער.

שאָלטען איז אַ לייב,
אַ לייב פאַרלוירען!
שאָלטען איז אַ פוס,
לוט איז פאַרסאַמט!

ושען זיך פאַרווירט
זאָקען און פיס.

## אורסולאַ פייפּטאָן.

4.

איך טו פאַרגיין אין די זינד פון די אָוועס,
זעלבסט אַ זינד באַגיין:

ען קוש פון דיינע ליפּען —
קאָוועד פון מאָשיאַך־געזאַלבטען פאָלק;
ען ברויז פון בלוט אין דיינע אָדערען
אַרדאַרט אַ צווייג פון בוים ישראָעל.

רייס די נאָז? נישט שוין
מיט מיר זיך פּרובען פאַרגלייכען?

ט געהאָדעוועט דער היישעריק אין פעלד אין וויסטען,
ט די טויב גאָלדענע עפּעל אונטערגעטראָגען,
מע האָט יעדעס מאָל איר לייב געוואַשען,
אויף מיר קיין פּגימע נישט זיין.

ט אַ בלודנע מוטער־טראַכט געטראָגען,
נישט דערטראָגען. עס סוידען זיך די בוימער
ווינטען וועגען דעם און די שביינים אין די גאַסען.

פיל מאָל האָסטו זיך זעלבסט באַגאַנוועט?
ל מאָל וויפיל איך האָב זיך אַליין גענאַרט.
פיל מאָל האָסטו זיך געוואַלגערט אין די זומפּען?
מאָל איך האָב מוידע־אַני געזאָגט.

האָב איך פאַרגעסען אָן די טפילעס
ענג קאָרבאָנעס אויף דיין מיזבייאַך:

מיין זיידענס קיטעל (אַ ווייסע צירונג פאַר זיין זילבערנער באָרד),
דעם רעבינ׳ס וואונדער־שטעקען פון פימסענהאָלץ געשניצט,
אַ פּרוכט אַ ריינע, אַן ערשטלינג אויף די זומער צווייגען,
בלעטלאַך פון ספאָרים, פאַרשטויבטע אַנטיקען... און דו?

צוויי בריסט מיט צייכענס פון אומריינע הענט,
אַ לייב געבייטשט פון אַנ׳אינוועניגסטען געהענעם
און רייך און רעגונג פון אומגעצוימטע כאַיעס.

אַז אָך און וויי, אורסולאַ.

מיין אויסקויף־געלט ליגט ביי דיר אויפ׳ן טישעל.
די שטייג איז פאַרמאַכט, קיין וועג נישט אַרויס.
נאָר אַ פאַרצערונג פון אונז ביידע וואָס ווישט אָפּ
די מעכיצע צווישען דיר און מיר.

די נאַכט איז גרויס. נענטער, אורסולאַ.
דער פינגער קריצט דעם רעכנונג פאַר אונז
אויף דעם ווענטעל פון מיין אומבאַוואוסטזיין.

מיכל ליכט

## מלך ראַוויטש

### I.

מיר, „די יונג־פּולסירענדיגע לידער־שרייבער", האָבען שוין פון לאַנג באַמערקט די פרעמדע אויפפירונג פון אונזער כאַווער מלך ראַוויטש. עפּעס האָט ער שטענדיג גערעדט אַ פרעמד, קוים פאַרשטענדליך לאַשען, זיך אַרומגעטראָגען מיט גראָבע, שטויביגע פאָליאַנטען און ס׳איז שטענדיג געווען אומהיימליך אין זיין געגענוואַרט, כאָטש ער האָט דאָך געוועקט אונזער נייגיר. ענדליך איז עס געשעען: אונזער כאַווער ראַוויטש לאָזט אונז וויסען, אַז ער פאַרלאָזט אויף אייביג אונזערע רייען און וועט מער ניט געהערען צו אונזער כאַוורוסע. ער וועט איינגאַנצען פון אונז אָפּגעפרעמדט ווערען און זיך נעמען אָנשטאָט צו „יונג־פּולסירענדיגע לידער" צו גרויסע ווערק און אַז ער גיט זיך, ראַכמאָנע ליצלאָן, איינגאַנצען איבער דער מעמשאָלע פון אומענדליכען געדאַנק. טרויריגע ניים פון אַ כאַווער וואָס האָט דאָך אַמאָל געוועקט אונזער נייגיר.

מיר אַלע זענען נאָך ניט ליטעראַריש־געזעצטע מענשען. אויב מיר פלירטעווען אַמאָל מיט דער אָדער יענער פּאָעטישער ריכטונג — איז עס די פריווילעגיע פון אונזערע יאָרען. פאַרקנאַסט אָבער זענען מיר צו קיינע פון די פּאָעטישע מאַמזעלען ניט, און ווער שמועסט פון כאַסונע האָבען און קויפען שווערע מעבעל און לאָזען וואַקסען באָרד און וואָנסען און זאָגען: אונזער וועג לויפט קיין צאָפען, אָדער אונזער וועג לויפט קיין דאָרעם, אָדער וויסען גענוי, אַז מאָרגען, זייגער 11, וועלען מיר אָנשטאָט „יונג־פּולסירענדיגע" לידער, נעמען שרייבען „ווערק" און זיך איינגאַנצען לאָזען באַהערשען פון אומענדליכען געדאַנק. ניין, דעם טאָג, ווען מיר וועלען דאָס געוואָר ווערען, וועלען מיר אָנטאָן שוואַרצען קרעפּ אויף אונזער אַרבעל און פאַרזיכערען ווייב און קינד ביי אַ פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט.

אין אונזער כאָר זינגט איינער שטאַרקער און איינער שוואַכער און איינער זינגט גאָרניט, מאַכט בלויז זינגענדיגע האַוואַיעס — וועמען גייט עס אָן: מיר זענען אַ צולאָזענע כעווראַ און אונז אַרט ניט אַזוי לאַנג, ווי מיר פאַרקלינגען די שביינעסדיגע גאַסען מיט געזאַנג. ווער הערט אונזער שטים? ווי ווייט טראָגט זיך אונזער שטים? ווי געשולט איז אונזער געזאַנג? — אונז אַרט ניט. „די פייגעלאַך צוויטשערען און די בלעטער גרינען" און אין די גערטנער טרעפט זיך באַשערטער מיט באַשערטער און פאַרען זיך און שאַפען דעם צוקונפטיגען דאָר. זיי (דער צוקונפטיגער דאָר) וועלען אונז אָדער מישפּעטען אָדער אַפילע ניט מישפּעטען — וועמען אַרט עס: מיר זענען אַ צולאָזענע כעווראַ. אָבער ווען איינער פאַרפעלט איינגאַנצען צו קומען, ווען איינער וואַרפט זיך איינגאַנצען מיט אונז, ווען איינער לאָזט אונז וויסען, אַז ער האָט אונז פאַרלאָזען, דאַמאָלס ווילען מיר אַ קוק טאָן, וועמען האָבען מיר פאַרלאָרען?

## II.

מיר וועלן ניט אריינקוקן אין זיינע פריערדיגע לידער, אין זיינע „הונדערט פרעמדע געזאַנגען", ווי ראַוויטש אליין רופט זיינע אַמאָליגע פרובען, מיר וועלן אויך ניט אַדורכבלעטערן זיין „שפינאָזאַ", וואָס וועט שוין, ווייזט אויס, אייביג פאַרבלייבן אַ „פּאָעטישער פּ ר ו ב" אויף אַ פרעמדען ניט־אידישען דיאַלעקט, ווייל ס'איז אונז מיט דער צווייטער אויפלאַגע ניט נענטער געוואָרען, אויב ניט נאָך פרעמדער און ווייטער. מיר וועלן בלויז ליינען זיינע „נאַקעטע לידער".

נאַכט. טיפע בלאָטע. פוילע אָסיען רעגענס. שמוציגע שמאָלע געסלאך. אַן אַלטער הוסטענדיגער לאַמטערן מיט אויסגעהאַקטע שויבען אַנטשולדיגט זיך, וואָס ער גיט ניט קיין ליכט. מיט אַן אויפגעשטעלטען קאָלנער שלייכען מיר זיך ביי די ווענט פון די אומהיימליכע געסלאך. פון די פענסטער פון די נידעריגע הייזער רייסט זיך ארויס אַ טרוקענער סוכאָטנער הוסט, אַ קרעכץ פון אַן אַלטען באָכער, וואָס דרייט זיך אויפ'ן געלעגער און קאָן ניט שלאָפען; ער קאָן ניט איינשטילען זיין בלוט, הויבען זיך אים אָן פלאָנטערען מיעסע געדאַנקען און ער שלאָפט איין טראַכטענדיג וועגען טויט. אַ ביסעל ווייטער ביי אַ פענסטער ציילט אַ קאַליקע אַ בעטלער זיינע קופערנע מאַטבייעס. אַ מאַמע שעלט איר קינד. דער טאַטע שלאָגט די מאַמע. אַלע שעלטען דעם קייזער און די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג, דאָס יונגוואַרג איז פאַרזאַמעלט אין די שענק און היצט זיך ביי קופעלס ביר וועגען קאַרל מאַרקס, רויטע פאָנען און סאָציאַלער רעוואָלוציע. קופקעס וויבער רעדען רעכילעס און האָבען ניין מאָס רייד. מענער רויכערען ביליגע ציגאַרעטלאַך און רעדען וועגען הויך־פּאָליטיק מיט אַ קוואָד־פּע. דינסטמיידען מיט פאַרמאָזאָליעטע הענט פון וואַשען די פאַדלאָגעס גייען אָרום מיט אויסגעלאָשענע אויגען. יונגען מיט קאַשקעטלאַך שעפּטשען זיי עפּעס אין אויער און שלעפּען זיי אַוועק העט הינטערן געסעל. הינער קוואָקען און מידע פערד און קי קרעכצען אין די שטאַלען און וועקען ראַכמאָנעס ביי דעם בלאַסען צאַהר־באַל־כאַיעמניק פון שטעטעל. און ערגעץ ביי אַן אָנגעצונדענעם קאַגעניק אין אַ בוידעם־שטיבעל זיצט אַ דיכטער און שרייבט לידער און קאָהסט זיך אויף די אָרימע און דערשלאָגענע, וואָס גלויבען אין גאָט, רייסט אָפּ אַ בלעטעל, הערט זיך איין. ס'דוכט זיך אים פּלוצים, אַז שוואַנגערע פרויען וויינען. ווערט ער לירישער און שרייבט: „ווייסטו ווער דאָס וויינט. ג אָ ט וויינט מיט זיי". ער כאַפּט אַ קוק אויפ'ן קאַלענדאַר און ער זעט 1921. פאַרשעמט ער זיך פאַר זיינע אוממאָדערנע געפילען. אין 1921 טאָר מען שוין ניט זינגען „געפילפּול" וועגען פרויען, אין אַ צייט ווען מען קאָן שוין רעדען מיט „אַ מויד וועגען טויט", אין אַזאַ צייט מעג מען שוין רעדען וועגען „מיידען וואָס מען האָט אָנגעהויבען", אין אַזאַ צייט מעג מען שוין ביכלאַל רעדען וועגען פרויען מיט דעם „נאַטור" לאָשען פון „וועגעטאַריש עוואַנגעליום". אַזוי דיקטירט דער „אומענדליכער געדאַנק". באַלד אָבער מייסע סאָטען כאַפּט זיך אריין דאָס „מאַמזערעל־געפיל" און — „מוטער מיינע, אויף אַלע וועגען אין לאַנגען לעבען, קומט מיר אַקעגען דיין הייליגקייט". דער דיכטער ווערט דאַן זיכערער אין זיך און בייזערט זיך אויף די גראַפאָמאַנען און פאַרגעסט, אַז ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט דער „היסלאָוועס פון זייערע שלעכטע לידער" אים „צערשניטען דאָס האַרץ". דער דיכטער שרייבט אָבער פיבערהאַפט ווייטער. אַ ל ץ וועט ער דערציילען דער וועלט. אַלץ איז וויכטיג, וואָס ע ר האָט צו זאָגען.

אַ, ווי אומהיימליך! אַנטלויפען פון דאַנען! אין קאָפּ שווינדעלט.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

דאָס בוך איז פאַרמאַכט.

ווען דער מויאַך לייטערט זיך אויס, לייכטען אויף פלעמלאַך און מיר דערמאָנען זיך. מיר וועלן מער דעם גאַנצען בוך ניט ליינען. נעמען מיר רויטען בליישטיפט און מיר מאַכען צייכענס אויף בלעטעל 102 האָבען מיר באַמערקט זייער אַ גוט ליד, אויך אויף בלעטעל 95 ניט קיין שלעכטס (ווען ניט „מענליכקייט האָט ער מיר נישט געשפּאָרט, פרעג ביי מיינע ווייבער"). גוטע לידער אויך אויף בלעטלאַך 105 און 106. דער מאָנאָלאָג פון מאַן, אין „איבער־שטאָלץ", וואָס פאַנגט זיך אָן מיט „די עפּעלביימער האָבען הייער געוואָרפען רייכע פרוכט", איז אויך אַ לויטערער און קומט פון דער פעדער פון אַ דיכטער. די לידער „דער הימן צו דער רוסישער שפראַך", „די טפילע פון אַ רעוואָלוציאָנער", „פערד" און „קו־קינדער" וועלן מיר אויך ליינען ווען מיר וועלן זיך וועלען דערמאָנען אַן אַ כאַווער, וואָס האָט פאַרלאָזט די רייען פון די „יונג־פּולסירענדיגע דיכטער".

יעקב גלאַטשטיין

# טעאַטער

כ'וואָלט עס גערופען די טראַגעדיע פון דעם „פּעס". אָנגעהויבען האָט עס זיך, דוכט זיך, גאַנץ אומשולדיג. וואָס קאָן זיין אומשולדיגער פון צוויי פרייע טעאַטער־בילעטען? אָבער אַזוי זיכער, ווי ס'קיניגט זיין דזשענטאַרישע מאַיעסטעט אין דער אַפּגעצאַמטקייט פון זיין מיסט־אַטמאָספערע, פּונקט אַזוי זיכער קיניגט ער איצט איבער דעם טעאַטער בלאַט, האָט אַ גראָבען בויך, רעדט אַ גאַליציאַנישען ענגליש, רויכערט פעטע ציגאַרען, קומט אריין אין „ראַיאַל" און רופט ארויס דעם דערעך ערעץ פון אַלע אַקטיאָרען און אַקטריסעס, וואָס רויכערען קטוירעס צו אים, קעדיי ניט ארויסצורופען דעם גרימצאָרן פון זיין אַלמעכטיגער „פּאָונטיין פּען".

אויף דער דאָזיגער שמאָלער לאָווע לאָז איך זיך ארויס, כ'טונק איין מיין פּען אין דעם פּעסעל טינט פון דער טעאַטער קריטיק. אום אויסצומיידען דעם טרויריגען סאָף פון דעם אַלמעכטיגען טעאַטראַל, וועל איך עס טאָן אינקאָגניטאָ. די ראָזע בריוולאַך זאָלען געשיקט ווערען אויף דעם אַדרעס פון זשורנאַל. יאָ, מיינע דאַמען, כ'בין נאָך גאָר אַ יונגערמאַן און אַלענפאַלס ניט מיעסער ווי אייערע אַלע אַנדערע טעאַטער־קריטיקער.

ניין, כ'בין ניט קיין גאָט־לעסטערער און קיין מאַיעסטעט־באַליידיגער, ווען כ'וועל זאָגען (לייב־גוואַרדיע מיינע, האַלט וואַך!) אַלזאָ ווען כ'וועל זאָגען, אַז אין דער דאָזיגער העכסט־אינטערעסאַנטער פעריאָדע פון אידישען גנזעלשאַפטליכען לעבען, ווען ס'וועקט דער „וועקער" און ס'טרומייטערט דער „עמעס", און ווען ס'גייען ווי די צירק־שיקסעס מענשען אויף אַ דין שטריקעל אין דער „נייער וועלט": אַ בויג אַהין אויף אַ האָר זיינען זיי ראַכמאָנעס ליצלאָן צו רעכטס, אַ קער אַהער, קוים מיט'ן אויג צו דערכאַפּען, זענען זיי צו לינק; אין דער דאָזיגער צייט ווען מיין קוזינע פּאַקט שוין אירע זאַכען אריבערצוקומען אין דעם ראַקעפעלער־פלעט, נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, — אין אַזאַ צייט, ביטע, מיט אַ נייג רעכטס צו דער ש וו אַ ר ץ קונסט, מיט אַ נייג לינקס צו אַלע קונסט־לעכצענדיגע טעאַטער־קריטיקער, מיט אַ נייג צום צענטער, צו דער שנאָרער גנזעלשאַפט — אין אַזאַ צייט, זאָג איך, איז אַ ראַכמאָנעס אויף דעם גאַנצען אידישען קופער יוניאָן פאָלק, וואָס קריגט קונסט אין פולע זשמעניעס: טויטע, טאַלייסים, שאַפרעס, ראַבייעס, בעסאָקוואָרעס, כסידים, באַטלאָנים, דיבוקעס, מעשולאָכים, שאַמאָסים, פאַרויכעסען און די אַלטע ליבע, אימער ליבע באַבע מאַדאַם אַבראַמאָוויטש.

פאַראַן אַ מאַדיאַרישער איד, פון די וואָס דרייען זיך אַרום און רעדען אַכצען־זיבעציגע ווערטער, אַ שפּראַך, וואָס איז אויף ג אַ ר נ י ט ענליך, פון די טונקעלע אידען, וואָס קאָנען גוט קאָכען און קאָנען רעדען סוידעס אַפילע פאַר דעם גרעסטען לינגוויסט, אַט אַזאַ איד האָט אָנגעשריבען אַ בלוי־רויט מייסעלע פון אַן אויסגעכאַלעמטען עמעס, פון דעם אייביגען רעבעל, פון דעם קלאַנגרייכען לי — לי — יאַם, פון וועמען מאַרטין ראַטקעי האָט אַזוי עלעגאַנט דערציילט אין אירווינג פּליים טעאַטער. ווי פאַר דער פוסטע — שמידס — פאַרוואָרפען — קרעטשמע — ווינקעל, וואָס האָט דערצויגען, אַרויסגעצויגען דעם אידישען טעאַטער באַזוכער. זיי זענען ניט געקומען די וואוילדערצויגענע, זיי שטראָמען מאַסענווייז צו זען, ווי שוואַרץ (דער רעבי) טרייבט ארויס פון שוואַרץ'ן (חנן) דעם דיבעק, אָדער נאָר די כאַסענע אין צווייטען אַקט פון דיבעק, וואָס ציט זיך ווי אַ ווייסע פּאַסטעכע דורך אַלע טעאַטער־שטיקער פון אברהם גאָלדפאַדען „עד היום הזה".

און אַז זיי גייען ניט צום דיבעק, נאָר זיי קומען זען די רוסישע פּרינצעסין מאַטילדאַ מיט דעם האָוסטאָן־סטריט אַפּאָלאָ פון אַלע פּעטע און לעכצענדיגע דינסט־מיידלאַך, זעען זיי דען דעם פּיינעם, דעם עלעגאַנטען, דעם גראַטעסקען, דעם וואונדערבאַרען, דעם אומפאַרגלייכליכען מוני ווייזענפריינדען?

X. Y. Z.

**לאַגלען**
ערשיינט מאָנאַטליך ב ל ו י ז אין 150 קאָפּיעס.
אַבאָנירען זיך קאָן מען ב ל ו י ז יערליך.
אַבאָנעמענט פּרייז: $2.50
אויטאָרען און ביכער־פאַרלאַגען זענען געבעטען אריינצושיקען זייערע אויסגאַבען פאַר רעצענזירען.
מאַנוסקריפּטען ווערען ניט צוריקגעשיקט.
די אַלע וואָס קלייבען זיך צו שיקען מאַנוסקריפּטען פאַר די „לאַגלען" זאָלען געדענקען, אַז אונזער אוידיטאָריע איז אַ באַגרענעצטע, אָבער דערפאַר אַ געקליבענע. די מאַנוסקריפּטען דאַרפען דערפאַר זיין פאַר די ג ע ק ל י ב ע נ ע.
מיט געשעפט־אָנגעלעגענהייטען, אַבאָנעמענטען, געלד, רעדאַקציאָנעלע אָנגעלעגענהייטען (מאַנוסקריפּטען א. ד. גל.) זאָל מען זיך ווענדען צו:
"LUGLEN," c. o. J. Gladstone
60 E. 97th Street New York, N.Y.

# לאָגלען

דעצעמבער 1921

צווייטער נומער — ערשט יאָר


## אין שליסעל פון ווייס.

לידער זענען :

ווייכע, צאַרטע פינגער וואָס ציען צו
פיהלען דעם פולס פון לעבען.
דער דיאַגנאָז
איז אָפטמאָל ניט דער וואָס דאָקטאָר נאַטור
וואָלט געשטעלט.
צוויי מאָל צוויי איז אַ קאַפּאָטע
פון אַטלאַס
און זיגזאַגען
לויפען פאַראַלעל צו אַ ראָמבוס,
ביז זיי שלאָגען זיך אָן אין רינצלען.

אַ רינצעל :

דער בליק פון אַ מאַיאָוער יונגער וואָס
פאַלט אויף איר געליבטען (און נאָר אַ ווײַלע צוריק האָט
די גאָרניט געוואוסט אַז ער עקזיסטירט !)

אַ רינצעל :

דאָס רעווען פון אַן אָקס אין די לאָנקעס וואו
פאַשע און קי זענען איבערפול — (און וואָס נאָך דאַרף
אַן אָקס ?)

אַ רינצעל :

דאָס מורמלען פון טייבעל :
עס לויפט
אַזוי בויגיג ווי דאָס בלוט וואָס שלאָגט זיך אָפּ אין
די ווינקלען פון די אָדערען אין געליבטענ׳ס הענט וואָס
רירען אָן דער יונגער׳ס האַרץ ;
בויגיג ווי עס לויפט דער צוג
אַרום אַ בויג אויף וועלכען דער אינזשעניר האָט
פאַרווענדט זיין בעסט קענטניש אין קאַלקולוס ;
ווי דער בויג פון
אַ ליד וואָס פאַרנייגט זיך ווי אַ מאַדים אין
באַגיין זיך מיט מענשען און זאָגט דאָס לעצטע
וואָרט —
(עס רעדט זיך נאָר אַזוי „דאָס לעצטע וואָרט“ :
עס בלייבט ווי ביי גאָט, ביים טייבעל, ביי ליגנער
דאָס ניט דערזאָגטע — )

מיכל ליכט.

## דער לויטערער טורעם.

נאכדעם ווי גרשון טאוויט האט פארלוירען דעם גלויבען אין זיך—א גע־וואונהייט קולטיווירט פון גרינסטער יוגענט—האט ער אנגעהויבען צו גלויבען אין עמיצען, וואס האט פארמאגט, ווי גרשונען האט זיך געדאכט, אלע מיילעס און בעסרוינעס, וואס פילען אויס א מענש. ראשעל קארנגאלד׳ס עלטערן האבען ביי גאט אזא טאכטער אויסגעבעטען.

טרוימען האבען פון אומגעהייערער יוגענט אז א גרויסען אנטייל גענומען אין דער ווירקליכקייט פון גרשון טאוויט׳ס לעבען. און שוועבענדיג פריי איבער אלערליי אוממעגליכקייטען, האט ער זיך דאך איבער א טרוים ווי איבער א גלאטען שפאציר־וועג אויסגעגליטשט. און די פארווירקליכונג פון ד ע ם טרוים איז געוואקסען אין גרשון׳ן סוב־באוואוסטזיין אזוי לאנג, ביז עס האט זיך אומדערבארמיג איינגעארדענט אין זיין פיין־פיהלענדיגען הארץ. און די נאר־לעצטע רעאליזירונג—כאטש גארניט פאזיטיוועס האט זיך נאך צו יענער צייט אויסגעקריסטאליזירט—האט פאר גרשונען קלאר געמאכט: זיין טרייסט איז א פארשפילטער „פאס“. און גרשון איז א פארברעכען באגאנגען: ער האט פון איר זעלבסט ראשעל קארנגאלד צוגענומען.

ווי אזוי איז דאס אומגלויבליכע געשעען?

אין קיהלע פארנאכטען פלעגט גרשון טאוויט אליין שפאצירען גיין. און ווען ראשעל איז אין צימערל ביי זיך ווייט אין דער שטאט געזעסען אדער אין טעאטער מיט א באקאנטען געגאנגען, פלעגט גרשון טאוויט זי ביי דער האנט פיהרען און רעדען צו איר אזעלכע רייד, וואס אין איר אנוועזענהייט וואלט ער זיך ניט ערלויבט צו זאגען:

„איך בין אזוי יונג. מיינע אויגען זענען ווי ניע שפיגלען, ווען א פאטאלע הענט האט צו דער וואנט אומגעקערט, ווייל א טויטער איז אין הויז פאראן. מיר דאכט זיך אויס, ווי געפיהלפולע פינגער מאכען פידעל־סטרונעס וויברירען אין בעטהאווענס קאנטשערטא. ווי אן הארמאניק שפילט א קאמארינסקע אין מיטען א מאסקווער גאס. א וועלטענע [illegible] פאר וויאלאנטשעל ווערט געשפילט פאר א פארקישעפטען פובליקום פון א וואונדער־ארטיסט.

„די בלויקייט פון הימעל, די גרויקייט פון ערד, די ווייסקייט פון וואסער קריכט צו מיר טיף, טיף אין הארץ אריין און לאזט מיר נישט צורו ביז איך שריי ניט אויס:

„איך האב דיך ליב!“

דערביי פיהלט גרשון טאוויט ווי ראשעל׳ס הענט ציטערט אין זיינער ווי א יונג גראז־בלעטעל ווען א מארגענווינט הויכט איבער דעם.

די געפיהלען, פון וועלכע ער ווערט באזעסען, זענען קאליידאסקאפיש. ניט ער האט זיי ארויסגערופען ניט ער וויל זיך באפרייען פון זיי אז זיי זענען שוין יא דא. דער מיראזש איז אזוי מייער. געגאסען פון דעם גינגאלד פון זיין אינגעלשער הארציגקייט, טיילט ער זיי מיט ראשעל קארנגאלד, וואס שפאצירט אום מיט אים זייט ביי זייט און געפינט זיך דאך ווייט פון אים אין דער גרויסער ראשינער שטאט.

ווען זי איז אויף וואקאציעס אין דער היים געווען, האט גרשון טאוויט איר בילד ביי איר ניט געבעטען, ווייל: נאך וואס באדארף ער עס? זיין בילד האט ער איר יא געגעבען. זי האט דאס בילד געדארפט האבען, ווייל מיט איר איז ער קיינמאל ניט שפאצירען געגאנגען אין אירע שטאטישע גאסען און מיט איר אין איר צימער קיינמאל ניט געווען.

ווען דער שטורם פון לעבען האט אויסגעבראכען, ווען אלץ האט געזאלט קלאר ווערען, איז גרשון טאוויט אנטשוויגען געווארען. געזאגט האט ער נאר צו זיך אליין אין ווערטער, וואס האבען אזוי זיך געקאנט לעזען:

„זי איז איך. איך זעלבסט. וואו איז ראשעל? וואס מאכט עס אויס? ראשעל איז איך. מיט מיר. באשטענדיג.

„דער ווייטאג איז גרויס. סאם גיסט זיך אזוי אין די אדערען ווען ער איז געמישט מיט וויין. מער סאם ווי וויין. און עפשער ניין. מער וויין ווי סאם. די הייוועז מאכט דעם וויין וואקסען ביז דער סאם ווערט אויסגע־וועפט. זי ווייס ניט, ווי גליקליך איך בין.

„איך האב זי ליב. איך האב זי ליב“.

און שטיל, שטיל שעפטשען זיינע ליפען:

„ליב. ליב. ראשעל. מיינע. ליב“.

און מיטאמאל דערפילט ז י דאס. ראשעל קארנגאלד האט איר קאפ ניט פארלוירען. נאר ווען איר הארץ פלאטערט, דערמאנענדיג זיך אין עמיצען אנדערש׳ס אויגען, שטוינט זי צוערשט, וואס גרשון טאוויט האט דאס אזעם ביי זיך אין הארצען איר ליבע דערקלערען. און ווען זי דערוויסט זיך, אז ער האט זי טאקי בעטעמס פאר זיין געליבטער אויסדער־ווילט, ווערט עס איר פארדראסיג און זי שרייבט גיך אויף א פאר ווערטער:

„ווי ערלויבט איהר זיך אזעלכעס?“

און ווארפט דעם בריף אין פאסט־קעסטיל אריין. און גרשון טאוויט לייענט עס און פארגייט זיך מיט בלוט. ער האלט דעם בריף אין זיינע הענט און לייענט אים עטליכע מאל און אים דאכט זיך, ווי ראשעל האט אים איר האנט דערלאנגט. און ער האלט די האנט—דעם בריף—אין זיינע הענט אזוי לאנג, ביז זיינע פינגער בריען זיך, ביז זיין גאנצער קערפער הויבט אן בריען, ביז זיין הארץ כאפט זיך אן און ברענט ווי א דארען.

„איך—דער משה אין א וויסטעניש ווי ראשעל איז גאט.

„וואלט עס אזוי לאנג ברענען ביז עס וואלט צו אש געווארען מיט גרשון טאוויט און ראשעל קארנגאלד“.

דערווייל פארט גרשון אין דער גרויסער שטאט. עפשער וועט ער דארט ראשעלען וואו באגעגענען. און אין די ראשיגע פארנאכטען ווען גרשון גייט אין גאס שפאצירען, צי אין טעאטער,—פארברענגט ראשעל אין דער צווייטער גאס מיט אירע פריינט און אויף קיין מינוט אפילע קומט איר ניט אויף דעם געדאנק, אז גרשון, דער שטערבליכער, וואס לעבט נאך א ביסעל גליק און נאך ווייניגער ליבע, זעט דורך די הייזער די גראבווענטיגע און הויכגעבוימטע ווי זי איז—וואס זי טוט—

גרשון טאוויט באקאנט זיך מיט פרויען, מיט דער שטאט, מיט דער וועלט. איין זאך אבער לינט אים אין זינען: עמיצער וועמעס נאמען

רעדט זיך מאניש ארוים ראשעל איז א טויב מיט קאטלעס־פליגעל, וואס הויכט ארום זיינע געדאנקען און מיט א מארעלען־רויט מיילעכעל פיקט אין די אויערען פון זיין נעשאמע און מיט דער גראציעזקייט פון א סארנע לויפט רייצענדיג פארביי זיינע אויגען און קערט אפ פון אים אירע טיפע, טיפע ווי דער שווארצער יאם אויגען.

און ווען גרשון טאוויט דערפיהלט אינטואיטיוו, אז „זיינס" איז פאר־פאלען, קערט ער זיך אום צוריק אין זיין קליין שטעטיל און פלעכט אויס קליינע נישטיגע לידער אויף דער צארטער קאנווע פון זיין גרויסער ליבע. אזוי גרויס איז די ליבע פון גרשון טאוויט, אז מער ווי די ווערטער: „איך בין גליקליך, גליקליך, נאר ניט איבערגליקליך", קאן ער ניט צוטראכטען. ווייל דאס איז אלץ וואס ער פיהלט, אלץ וואס ער פארמאגט. און זיין געפיהל צו ראשעל קארנגאלד, — וועמען ער קאן ניט זען, ניט הערען, צו וועמען ער קאן ניט רעדען, — ווערט דער באזיס פון זיין לעבען און גרשון טאוויט ווערט דער געניאלער סאמנאמבוליסט פון דער ליבע.

און דאס אלץ ווערט אריינגעפלאכטען אין זיין באגריף פון לעבען, אין זיין אידענטיפיצירען זיך מיט פעסימיזם, אין זיין באציאונג צו עסטעטיק, אין זיין דערנענטערען זיך צום איבערמענש. און וואס עס זאל אין ראשעל'ס לעבען זיך ניט פארלויפען, אזוי לאנג ווי זי איז דא, עקזיסטירט, אזוי לאנג איז גרשון טאוויט'ס לעבענס־פראגראם אנגעמערקט.

יעדען פארנאכט גייט גרשון טאוויט שפאצירען און ביי זיין זייט געפינט זיך די טאכטער פון די גאט־געבענשטע קארנגאלדס, וועלכע וואוינט ווייט־ווייט, ערגעץ איבער יענער זייט לאנד. נאר ווי ביי אן אלטען וועמעס יוגענט־קלוגקייט האט זיך נאך ניט דעוויטאליזירט, שעפטשען זיינע ליפען קוים־קוים:

„איך בין יונג... מיינע אויגען... נייע שפיגלען... א פאטאלע האנט... צום וואנט אומגעקערט... א טוימער איז אין הויז פאראן... אן הארמאניק... פידעל־סטרונעס וויברירען... א באר־סאנאטא פאר וויאלאנטשעל... בלויקייט פון הימעל... גרויקייט פון ערד... ווייסקייט פון אווער... טיף אין דער נעשאמע... לאזט ניט צורו..."

נאר די לעצטע ווערטער, מיט וועלכע די טיראדע פלעגט זיך פאר־ענדיגען ווי א טעסטאמענט, וואס ער פלעגט ווי א פארווירטער אויסשרייען, בלייבען אין האלז אים שטעקען. ווייל — „איך האב דיך ליב —" רעדט ניט נאר זיין מויל אליין ארויס: די גאנצע וועלט, דאכט זיך גרשונען, זינגט עס ארויס אין אומפארגלייכליכע טענער פון אן אראטאריא.

גרשון טאוויט פילט נאר אוים דעם צירקעל, וועלכען דאס לעבען האט פאר אים אזוי פארטרעפליך־טראגיש אנגעדייט. דער ראדיוס בייט זיך ניט. עס בלייבט — ראשעל קארנגאלד.

מיכל ליכט.

## מיינע ליכטיגע טעג...

אויסגעשפּיגען האָט דער האָרסאָן
מיינע ליכטיגע טעג,
און זיי געטריבען צו מיר
אין דער מידבאָר אַריין...

נאַקעטע בעטלער —
מיינע ליכטיגע טעג;
מיט שיינע בלייכע פינגער
זיי קלאַפּען צו מיר...

איך האָב זיי אַמאָל
געוואַרימט אין מיין ברוסט, —
זיי זאָלען מיר ברענגען
מיין זוניגען טרויער...

נאַקעטע בעטלער —
מיינע פאַרגאַנגענע טעג;
אייביגקייטען מוז איך מישען
איך זאָל זיי דערקענען...

איך וועל זיי איצט טרייבען,
איך וועל זיי פאַריאָגען,
זיי זאָלען ניט גאַנווענען
מיין זוניגען טרויער...

ראובן לודוויג.

## בעאַטריטשע.

דאָ אין מיין קלויסטער־צעל.
אַ שווערע אייזערנע טיר שיידט מיך אָפּ פון דער וועלט,
און פאַרשטעלט דעם געפילדער פון איר ליכט און פאַרבען.
שטיל איז דאָ.
אין שטילער איינזאַמקייט קאָן איך זיך אָפּגעבען מיינע טפילעס.

בעאַטריטשע! בעאַטריטשע!

דורך דעם קליינעם, הויכען, פירעקיגען פענסטערל פון מיין צעל
שלאָגט אַמאָל אַריין אַ בלאָע וועל פון הימעל.
לאָקט מיך די פאַרב,
רופט מיך די נייגעריגע ווייט,
און איך קריג ראַכמאָנעס אויף מיין פאַרשפאַרטקייט און אויף מיר.

דורך דעם קליינעם, הויכען פענסטערל פון מיין צעל
שלאָגט אַמאָל אַריין אַ גאָלדענע וועל פון ליכט.
קערט זיך מיין געזיכט מיט בענקשאַפט צו איר
און שווער ווערט מיר די ענגשאַפט פון דער צעל,
און שווער דאָס אייזען פון דער טיר.
איך וויל אַרויסלויפען.
זיך לאָזען מיט דעם רוישיגען וואַל — מיט דעם דרויסיגען טייך פון שוים.

בעאַטריטשע! בעאַטריטשע!

מיין הויך, כיטרע פענסטערל שפּילט זיך מיט מיר.
טרייבט שפּאַס מיט מיר.
וויל אַ לאַך טאָן מיט מיר.
לאַך איך מיט מיין איינזאַמען, שטילען געלעכטער,
און קוק מער ניט אַרויף אין דער הויך.
אין דער שטענדיגער שטיל פון מיין צעל,
אין אירע טונקעלע ווינקלען,
איז אַלץ, וואָס איך וויל.
אין דעם מאַטען שפּיל פון די ענגע, גלאַטע ווענט
ברענט פריידיג אויף דער העלער פאַרבען־כאָר
פון מיין באַגער.
דאָ ווערט ער ערפילט.
דאָ ווערט געשטילט אַל מיין וועלען.
אַל מיין פרעגען קריגט דעם באַשייד.
וואָס שטראַלט אַנטקעגען אין העלען, זעליגען קלייד —
שטראַלט —
און האַלט מיך אויף די לויטערע שטעגען
פון שטילער פרייד און טרייסטענדער רואיגקייט.

בעאַטריטשע! בעאַטריטשע!

א. לעיעלעס.

* * *

איך וועל אַרומנעמען מיינע אַקסעל
מיט מיינע ווייכע הענט,
צומאַכען די אויגען,
וועלען אַלע מיינע אומרוען און אַנגסטען
ווי פויגעל פרייגעלאָזענע
זיך אַוועקטראָגען פון מיר.
איך וועל אויף אַ גאָלדענעם שטריק
זיך אַראָפּלאָזען טיפער, טיפער,
אין די טיפענישען פון מיין שלאָף.
בויגזאַם ווי אַ זאַנג,
אָדער אין מיין נאַקעטקייט ווי דאָס מיידעל פון דער לעוואָנע,
אָדער גאָר ווי אַן אויסגעטראַכטע אין גאָלדענע סאַנדאַלען:
וועל איך אומוואַנדלען
זוכען אַ ווייסען וועג,
אין די טיפע, בלוי־רוישע הײלען
פון מיין שלאָף.

ראַשעל וועפּרינסקי.

# אַ בוים ביים וואַסער.

פון מיין בוך „די טויטע וועלט“.

זעט ער דאָ:
אַ בוים דאָ,
אַ בוים דאָרט.
זעט ער דאָרט:
אַ בוים דאָ,
אַ בוים דאָרט.
טראַכט ער דאָ:
אַזוי ווי דאָ,
אַזוי איז דאָרט.
טראַכט ער דאָרט:
אַזוי ווי דאָ,
אַזוי איז דאָרט.
שטוינט ער דאָ:
בין איך —
ער!
שטוינט ער דאָרט:
בין איך —
ער!
לאַכט ער דאָ און וואַרפט זיך:
יענער שטייט קאַפּויר...
וואַרפט זיך יענער דאָרט
און האָט נישט קיין לאָשען...

א. לוצקי.

# פינף שוואַלבען

פינף שוואַלבען
מיט שטרויעלאַך אין זייערע פיסקעלאַך
קומען זינגענדיג.

פינף שוואַלבען: איינע —
פירט פּאַראַד; די צווייטע —
קוקט אויס די געגענד; די דריטע —
פילט זיך זיכער — אינמיטען. די פירטע —

מאַכט כעשבען פאַר זיך, פאַר אַלע.
די פינפטע, די לעצטע קוקט אומעטיג אויס,
באַגרייפענדיג די פאַראַנטוואָרטליכקייט פון לעצטען:
די ערשעפונג פון אָנהויב ביז סאָף.

פינף רייזען־שוואַלבען
מיט וואונדערליך־אַקאָרדירטע אינסטרומענטען
פאַרפלייצען די וועלט מיט געזאַנג.

מיכל ליכט.

# אַ טויט־שאַראַדע.

דער זיידע האָט דערפילט זיין כויוו צו זיינע אייניקלאַך
און געשטאָרבען.
דעם זיידען האָט צוגעדעקט די ערד.
די אייניקלאַך האָבען דערפילט זייער כויוו צום זיידען
און זיין טויט באַוויינט.
זיין טויט צו זיי:
זיין טויט צו זיך איז געבליבען אומבאַוויינט,
ווייל דער זיידע איז געווען טויט.
די אייניקלאַך האָבען דערפילט זייער כויוו צו זייערע
אייניקלאַך
און געשטאָרבען.
זיי זענען טויט צו זייערע אייניקלאַך.
טויט צו זיך.
און דעם זיידענס טויט איז טויט צו זיי.
דעם זיידענס טויט איז טויט צו זיי
פון זייער טויט ביז —
דער זיידע איז טויט צו זיך
פון זיין טויט ביז —
ווייל צום טויטסטען איז דער טויט צו זיך אַליין.

# שלאָס פון יאָ.

אויף רייטוועגען ניין.
דורך קרומע וועגען אויב.
טאָג איך און נאַכטיג אַלע מיינע יאָר.
אַרויף. אַראָפּ.
אַרום. צום.
צום. צום. צום.
שטאָל און שטיינערנעם שלאָס פון יאָ.

אויף מיינע פילפאַרביגע רייטוועגען ניין.
זינגט מיין האַרץ: יאָ. יאָ. יאָ.
ערגעצוואו:
אַרויף. אַראָפּ. אַרום.
קומסטו צום. קומסטו צום.
שטאָל און שטיינערנעם שלאָס פון יאָ.

שרייט דער טורעם מיינער אויף די פּלייצעס:
שלאָס פון יאָ. שלאָס פון יאָ.
ס׳האָט אַ דולע מאַלפּע אויף אַ בוים,
אונטער פלאַמיג־רויטע הימלען,
אויסגעטראַכט דיך, שלאָס פון יאָ.
אומצעשטערבאַרער שלאָס פון יאָ.
שטאָל און שטיינערנער שלאָס פון יאָ.
ביסט ניט שטאָל, ביסט ניט שטיין.
ביסט אַ שפּינוועבס פון אַ כאָלעם.
ביסט ניין, ניין, ניין.

אויף די רייטוועגען ניין.
אויף די קרומע וועגען אויב.
זינגט מיין האַרץ אַ לויב
צו דעם וועלען, ווילען, וועלען
דורך אַרויף. אַראָפּ. אַרום.
קומען צום.
קומען צום.
שטאָל און שטיינערנעם שלאָס פון יאָ.

יעקב גלאַטשטיין.

# איך און —
# איך

איך בין דער גליקליכסטער מענש פון מיין דאָר. דאָס זוניגסטע קינד פון מאַזעל. דאָס אויסדערוויילטסטע קינד פון די געטער. אויף זוניגע אַלעען שפּרייט זיך מיין וועג. די געטער האָבען פאַר מיר מיליאָנען יאָרען געשאַפען און איבערגעשאַפען דעם וועלט־אַל, מילי־מיליאָנען פליגען זענען ספּעציעל פאַר מיר געבוירען געוואָרען און געטויט געוואָרען קעדיי פעטער צו מאַכען די ערד, אויף וועלכער איך וואוין. פאַרשידענע מענשען מיט די פאַרשידענסטע פאָרמען האָבען זיך געפּרובפערט און געמערט ביז מיר קעדיי באַקוועמער צו מאַכען מיין זיין איצט. גרויסע מויכעס זענען מיט טרייב־קראַפט געפלאָגט געוואָרען אויסצוטראַכטען און מעגליך צו מאַכען, אַז איך, דער „געטליכער דורכשניט“, זאָל אַלץ קריגען צוגעגרייט. מוזען־קינדער האָבען פאַר מיר געזונגען, קעדיי צו פאַרשענערען און פאַרליכטיגערען מיין וועג. מיליאָנען ביכער זענען פאַר מיר געשריבען געוואָרען. איך קאָן, אויב איך וויל נאָר, זיין דער קלוגסטער אויף דער וועלט. פאַר און צוליב מיר האָט שלמה געשריבען זיין קהלת. פאַר און צוליב מיר האָט אָמאַר קאַיאַם, דער פערזער, באַזונגען און גלאָריפיצירט דעם ווייַן און די פרוי. אַלע טויטע זינגען אין מיינע אָדערען אַזוי צו זאָגען: וואויל איז דיר וואָס דו ביסט געקומען איצט און ניט פריער. וואויל איז דיר, דו זוניגער, דו גליקליכער. וואויל איז מיר. איך זוניגער, איך גליקליכער, איך
פאַרשאָלטענער.

וואו בין איך אַליין? וואָס קאָן איך זאָגען, וואָס איז ביז מיר ניט געזאָגט געוואָרען? וואָס קאָן איך טראַכטען וואָס איז ביז מיר ניט געטראַכט געוואָרען? וואָס קאָן איך זינגען, וואָס איז ביז מיר ניט געזונגען געוואָרען? וואָס קאָן איך לעבען, וואָס איז ביז מיר ניט געלעבט געוואָרען? ס׳רייסט זיך מיין נעשאָמע צו אויסדרוק און קאָן קיין טיקען ניט געפינען. ס׳האָבען מיליאָנען יאָרען פאַר מיר פאַרפלאָכט און פאַרדורכשניטליכט מיין זיין ביז צום ווערעמעל וואָס פויזעט, ביז צום פלים־פלאָם פון ליכטעל צוליב געבאָרגטען פייער.

# לאָגלען

יאַנואַר-פעברואַר 1922

דריטער-פערטער נומער — ערשט יאָר

* * *

ווייל צוזאַמען מיט דעם ליכט, וואָס איז באַהאַלטען
געוואָרען, איז אויך באַהאַלטען געוואָרען דאָס ליד.

מיר האָבען ניט די זכיע געהאַט ניט צו זען
דאָס ליכט און ניט צו הערען דאָס ליד.

בלויז אַ בלאַסער שיין פון דעם ליכט ווערט
פון איר פוטער-פאַס אַרויסגענומען און זאָגט אָן טאָג.

ווען דאָס ליכט פון אונזערע אויגען וועט שטאַרק זיין
צו פאַרטונקלען דאָס ליכט פון דער זון, ווועלען מיר
די זכיע האָבען צו זען דאָס באַהאַלטענע ליכט.

אָבער דאָס ליד פליסט אין אונזערע אָדערען
ווי שפּריצלאַך פון אַ פאַרגעסענער מעלאָדיע.

אין טויהו וואָוואויהו אָדער נאָך פאַר אים
האָט זיך דאָס ליד געזונגען. ווען צאָל
איז נאָך אין אירע וויקעלאַך געווען, האָט דאָס ליד וויברירט.

און די ערשטע פליג וואָס אָראָם האָט געריפען
פליג, און דער מאַמאָנט וואָס אָראָם האָט
געריפען מאַמאָנט, און
געלע בלעטער און פייגעלאַך
און שטיין-קוילען האָבען דאָך פעטער געמאַכט
אונזער ערד.

שטייען מיר און צעהלען: שיכט איינס
צען מיליאָן יאָר, שיכט צוויי — דרייסיג מיליאָן און
ווייטער און ווייטער.

צאָל איז אַזוי אַלט ווי זי איז,
זער אַלט. איר אַלטקייט וויקעלט אַרום
הימעל און ערד און אַלץ וואָס איז
אַרום און אונטער זיי.

די אונטערשטע שיכטען, די פאַרשלאָפענע לעבענס טראָגען
דעם סאָד פון דער ערשטער מעלאָדיע.

וואויל די וואָס קאָנען זיך איינבויגען טיף
צו דער ערד און הערען ווי דורך מילי-מיליאָסען
טויטען צווינגט זיך דורך די מעלאָדיע פון
באַשאַף.

די וואָס קאָנען אָנשטרענגען זייערע אויערען
צו דער מוזיק פון מייסע בעריישית, הערען
דאָס ליד, באַגרייפען פולקאָמענהייט.

יעקב גלאַטשטיין.

## EN PASSANT.

אין בריף 2 (אין דעם נומער), — אפקערענדיג זיך אין אן עקסטאטישען מאמענט פון ליטעראַרישען פעסימיזם פון מענשען לעבעדיגע און ווענדענדיג זיך צו אן אויסגעטראכטען פריינט וואס טרעט ארויס פאר אונז אזוי בוילעט און רעאל, — האט קאלעגע גלאטשטיין, צווישען אנדערעס, „ארויסגעלאזט א קאנאריק“ פון דעם סארט, וואס וועט זיכער זיין אן אומאנגענעמער סורפריז פאר אונזערע בעצאלטע אבאנענטען און אויף די אנדערע וועט עס ווירקען ווי א באלזאם פאר א פארוואונדעטע הארץ. אונזער מי ארויסצוגעבען א זשורנאל צוליב וואס פאר פאר א הונדערט און פופציג פערזאן האט ביי פילע אין די אויערען אפגעקלונגען ווי א גאדלעסדיגע אונטערנעמונג וואס פארדינט דורכצופאלען. באטש עס איז זעלבסטפארשטענדליך (פאר אידישע לעזער, זעלבסטפארשטענדליך!), אז מיט דער צאל אבאנענטען **de jure** האבען מיר אין קיין פאל ניט געמיינט באגרעניצען די צאל לעזער, וועל איך דאך ניט פרובען די גאנצע אומאנגענעמע זאך פארענטפערען דערמיט. איך גלויב אבער, אז ה. גלאטשטיין האט זיכער קיין אורזאכע ניט פארצואווארפען — אפילע אומדירעקט ווי ער טוט עס — דעם אידישען לעזער דאס וואס די אבסורד־קליינע צאל הונדערט און פופציג איז ניט פארפולט. עס איז, אויב איך מאך קיין טאעס ניט, אונזער אייגענע שולד. עס איז זער לייכט זיך פארצושטעלען ווי א פאטענציעלער אבאנענט, — האבענדיג געזען „לאגלען“ נומער איינס ביי זיינעם א באקאנטען און אנגעשטרענגט זיינע אויגען אויף דעם פעטיט אין קעסטעלע אויף דער פערטער זייט פון זשורנאל, — זאל אזוי רעאגירען דערויף: „אלע קאפיעס מוזען שוין ביז איצט זיכער אבאנירט זיין. איין קליינינקייט, הונדערט און פופציג. אוודע שוין צע־כאפט ווי מאצע־וואסער. א שאד“. כ׳הער קעמאט דאס באנגינע טשמאקען מיט די ליפען פון דעם נאבעלען אידישען יונגענמאן (אדער יונגפרוי), ביי וועמען עס איז קיין ספק ניט, אז די אנאנסירטע צאל עקזעמפלארען פון זשורנאל איז א סנאביש שטיקעל ארבייט פון די ארויסגעבער אום פון אים, דעם איינפאכען נאר פיינעם יונגענמאן (אדער יונגפרוי), אוועקנעמען די פריווילעגיע פון צו „שטיין ביים וויגעלע פון דער נייער אידישער ליטע־ראטור“.

* * *

און פיליכט — ניין? פיליכט איז עס די אלטע, אלטע אויסגעדראשענע מאיסע, וואס כאזערט זיך איבער מיט אלע „נייע“ זשורנאלען, מיט אלע עקספערימענטאלע אויסגאבען? אט דערמאן איך זיך אן א ביסעל געשיכטע: אין 1849 איז ערשינען אין לאנדאן א דין, אומפרעטענציעזן, א־לא אונזערס, זשורנאלעכעל „דער קערן“, ארום וועלכען עס האבען זיך גרופירט די דריי ראסעטים, האלמאן האנט, דזשאן לוקאס טאפער, פארד מאדאקס בראון, קאווענטרי פאטמאר און אנדערע. דער לעזער וואס איז באקאנט מיט דער בארימטער באוועגונג „די פרע־ראפאעליטישע ברודערשאפט“ פון די פופציגער יארען פון פארגאנגענעם יארהונדערט אין ענגלאנד וועט דא זיכער אויפהויבען די ברעמען און מיט א זשעסט פון דער האנט וועט ער שפאטיש דראען: „וואס פאר א פארגלייך...“ ענטשולדיג, ליבער לעזער. געדענק אז עס איז 1849 און די נעמען וועלען דיך ניט איבערראשען. די ראסעטים זענען נאך ניט באוואוסט. קריסטינא איז ערשט אכצען יאר אלט. עס ליגט ביי איר אין שופלאד, — זייט ביי זייט עפשער מיט אזעלכע אומווערטע קליינינקייטען ווי סענטימענטאלע ליבע דערקלערונגען, געשריבען אויף ראזעווע ביינעלאך פאפיר, ליידיגע פלאקאנטשיקעס פון פערפום און ענליכעס וואס מען קאן געפינען ביי אלע אכטצעניעריגע מיידלאך פון אנהויב וועלט „עד היום הזה“, — א פאק סאנעטען, וואס ווארטען אויף עפעס א זשורנאל וואס וועט איינשטעלען זיין רעפוטאציע זיי צו דרוקען. איר עלטערער ברודער, — וועמעס נאמען דערמאנט אין איינעם פון די גרעסטע דיכטער פון אלע צייטען און אליין איז איינער פון די געציילטע גרויסע דיכטער פון דער ענגלישער ליטעראטור, — איז א סענטימענטאלער צוויי־און־צוואנציג־יעריגער באכער, וואס טראגט זיך ארום מיט לידער־מאנוסקריפטען, צווישען וועלכע עס געפינט זיך „די בלעסעד דאמאזעל“ און פון וועלכע די לאנדאנער רעדאקטערע פון די פעטע זשורנאלען שמייכלען צוביסלאך אונטער. פאטמאר׳ס „די סעזאנען“ ווארטען אויף אויסגעלייזט צו ווערען. דער נייגצען־יעריגער רעדאקטאר, דער יונגערער ראסעטי, ווארט פאר א טיקען גלייך מיט די אנדערע און קריגט

ער דרוקט אפ אן ארטיקעל איבער בראונינג׳ס „קריסטמאס איוו ענד איסטער דעי“, א קריטיק וואס מאכט זיין נאמען שפעטער־צו בארימט. אין קורצען, די פלעיאדע עמבריאנישע קינסטלער שלאגט צונויף א פאר שילינגס, ווי אידישע „יונגע“ לעהאוודיל האבען עס שוין ניט איינמאל געטאן, און לאזען ארויס אויף דער גלייכגילטיגער וועלט זיבען הונדערט עקזעמפלארען פון ערשטען נומער „דער קערן“. די אינטערעגנטען פון אידישע עקספערי־מענטאלע ליטעראַרישע אויסגאבען קאנען קיין טאעס ניט מאכען — יעדער

אַז דיינע גראָע האָר פּאַסען זער און זער דיין יוגענטליכען פּאָנים און אַז די יאַפּאַנעזישע טופּלעס זענען ווי אָנגעמאָסטען פאַר דיינע דעליקאַטע פיסלאַך און אַז די געמיטליכע רו און שטילקייט אין צימער איז אַזוי באַצווינגענד, אַזוי פאַרווינגענד און אַז פרויען אין דיינע יאָרען קאָנען אַזוי ליבען — גאָט דער איינציגער ווייסט, אַז ווען כ'לאָז זיך שוין אויף די וועגען פון אויסטראַכטען, וואָלט איך מיין פאַנטאַזיע אַ בייטש געטאָן אַ'יסצוטראַכטען דיך, דו אידישע סאַלאָן דאַמע פון דער בראָנקס, און דיר געווידמעט מיין איצטיגען בריף. אָבער דאָס וואָלט שוין געווען דאָס באַנאַלסטע פון באַנאַל. דאָס וואָלט מיך שוין פאַר־פירט אויף דעם רעלסירטען טראַקט פון די באַרימטע ליטעראַרישע בריף צו אַ דאַמע אין אַלע לענדער און אין אַלע יאָרהונדערטע. ניין, כ'וועל דיך אויסטראַכטען אין מיין אייגענעם געשטאַלט און דיך באַקליידען מיט אַלע מענערשע אַטריבוטען און דיר שרייבען דאָס פאָלגענדע בריוועל, וואָס דו, אוי וויי איז דיר, וועסט מוזען דערהאַלטען.

און פאַרוואָס, טייערער מיינער, וועל איך דיך אויסטראַכ־טען? לאָמיר זיין מיט דיר אָפענהאַרציג און דערציילען: איידער איך האָב געפלאַנט מיין סעריע בריף האָב איך געהאַט אַ צעטעל פון לעבעדיגע מענשען, עמעסע מענשען מיט בלוט און פלייש, צו וועמען איך האָב בעדייע געהאַט זיך צורירען, באַ־רירען און אַנרירען אויף אַלע אויפאַנים מעגליכע און אוממעגליכע, דערלאָזבאַרע און אומדערלאָזבאַרע. אָבער ריין פון זינד ווי עס זאָל ניט זיין דיין באַשאַפער, פריינט מיינער, איז ער דאָך, ס'זאָל אים צו קיין שאַנד ניט זיין, אַ גאַנץ זינדיגער מענש, מיט ספּאָנטאַנע זינדיגע געפילען. און פאַר דיר, אַ פּראָדוקט פון מיין פאַנטאַזיע, וועל איך מוידע זיין מיינע זינד און פאַר אונזערע 150 אַבאָנענטען (וועלכע מיר האָבען נאָך דערווייליע ניט). מיין האַרץ ווערט צופרעסען פון דעם וואָרם פון קינע און כ'קען זיך קיין רו געפינען. פון אַלע עקען וועלט קומען אָן רעגיסטרירטע בריף אין דער ווערט פון עפּשער מיליאָנען מאַרק שווער באַלאָ־דענע ווי די קעמלען אין דער מידבער, מיט ליוב־געזאַנגען צו יוסף אָפּאַטאָשו'ן פאַר זיינע „פּוילישע וועלדער". אַלע אידישע צייטונגען און צייטשריפטען האָבען שוין אָנגעשריבען אַ גאַנצע אַ פּ אַ ט אָ ש ע י אַ ד ע. זאָל איך אויך כאָטש אַ פינגער צו־לייגען? זאָל מיר מיין פאָונטיין פּען פאַרטרוקענט ווערען אויף אייביג. וועלכער קריטיקער האָט שוין ניט געשריבען וועגען לייוויקס „גולם"? ווער האָט שוין ניט געאַמפּערט זיך איבער לייוויקס „גולם"? און איצט (GLORY! ...) „הגדול, הגבור והנורא", דער „פאָרווערטס" אַליין פּויקט און צופּויקט דעם נאָמען פון לייוויק און זאָגט: שמאַטעס? ניין, „ב ע ר ל י אַ נ־ ט ע ן". און, ווי זינגט זיך ערגעץ דאָס לידעל, וואו איך גיי און וואו איך שטיי — אָפּישען מיט פּעטע בוכשטאַבען: שמאַטעס פון ה. לייוויק. זאָל איך אויך כאָטש אַ וואָרט אַרויפוואַרפען אויף דער קופּע רום, וואָס וואַקסט און וואַקסט? זאָל איך זיך אויך איינשפּאַנען אין דעם לייוויק־טריאומף־וואָגען און שרייבען אין דעם דאָזיגען מאָגערען זשורנאַל „לאָגלען" פאַר אַן אוידי־טאָריע פון 150 (עפּשער) מענשען אויך אַ פּאָר ווערטער וועגען דעם אַזוי אויך באַוואוסטען, אַזוי אויך באַרימטען ה. לייוויק? — דיין זינדיגער אויסטראַכטער, אַ פריינט מיינער, וועט עס ניט טאָן. אָדער זאָל איך עפּשער שרייבען וועגען מ. ל. האַלפּערן? אַרויסגעוואָרפענע אַרבייט! ווער וועט עס דערהערען מיין פּישטשענדיגען ליוב־געזאַנג דורך די באַסאָווע הוראַ־געשרייען פון די פּראָפעסיאָנעלע קריטיקער, וואָס שרייען אַראָפּ ביי אַלע געלעגענהייטען דעם נאָמען פון מ. ל. האַלפּערן צווישען די געציילטע, די אויסדערוויילטע פון אונזער דאָר. ווער ווייסט עס שוין ניט אויף אויסווייניג. דער טעמפּסטער קאָפּ, וואָס גייט נאָר צום זונטאָגדיגען דאַרדעקע־מעלאַמעד פון „טאָג" אין כעדער אַריין, ווייסט דאָך שוין, אַז פריער קומט ח. נ. ביאַליק, נאָך אים קומט ל. שאַפּירא, דערנאָך קומט לייוויק און נאָך אים קומט מ. ל. האַלפּערן. איז דען שוין ניט די העכסטע צייט, שריי איך אויס, אַז איך, וואָס מוז זיך נאָך אַרויפצווינגען אויף אַ לעז־אוילעם פון 150, זאָל ניט שרייבען קיין וואָרט וועגען יענע, וואָס זענען שוין ווילקאָמען אין אַלע שטעט און שטעטלאַך, בכל תפוצות ישראל, צו באַנקעטען, לעקטשורס, פאַרלעזונגען און אַטאָמאָביל ריידס. איז דען ניט גלייכער, אַז זיי, די בערען פון אונזער ליטעראַטור, זאָלען דורך דעם מעדיום פון צייטונגען מיט צירקולאַציע, עמעסער צירקולאַציע, הויך און מעכטיג פּראָ־קלאַמירען די עקזיסטענץ פון מיין ווייניגקייט?

אַזעלכע זינדיגע מאַכשאָוועס האָב איך געטראַכט, פריינט מיינער, און כ'האָב באַשלאָסען עס טיילען מיט דיר. כ'וועל נעמען מיין זינד און הויך עס אויספּויקען און אין דער זעלבסט־פּייניגונג געפינען דערלייזונג (מען האָט שוין לאַנג ניט געהערט דאָס וואָרט) און טרייסט. טרייסט איז דאָס עמעסע וואָרט. כ'זוך אַ טרייסט, און עפּשער זוך איך אַפּילע קיין טרייסט אויך ניט, נאָר ס'איז מיר אומעטיג. כ'האָב איצט נאָר וואָס דורכגעלייענט אַן אַרטיקעל אין דער „ניו רעפּאַבליק" פון קלייוו בעל, וואָס פאַלט אָן אויף בערנאַרד שאָו'ס „צוריק צו מעסושעלאַך". קלייוו בעל ציט אָפּטימיסטישע בעיונע פון דעם וואָס די הייסע זון שיינט אַריין אַנגענעם פילטרירט דורך זיינע גאַרדינען און אַז ער לייענט פּראָוסטען און באַלד גייט ער הערען אַ קאָנצערט, וואו לאָפּקאָוואַ וועט אויך טאַנצען, און ער וועט מיטאָג עסען מיט אַ ליבען מיטגליד פון שוואַכערען געשלעכט, ביינאַכט וועט ער הערען אַרטור רובינשטיינען אויף דער פּיאַנאָ און אונטער די אַנגענעמע נאָכשטימונגען פון טאָג וועט ער אויפזיין אַ גאַנצע נאַכט ביז די זון וועט זיך דורכברעכען אין מיזראַך. ס'טאָגט שוין, ענדיגט קלייוו בעל, און מאָרגען וועלען מיר שטאַרבען? ווען מען אַרט עס!

דורך די גאָלדיג זיידענע גאַרדינען אין מיין צימער קומט די זון אויך אַריין און צושפּליטערט זיך אין אָראַנזש און אין גאָלד אויף דעם בלאָ פון מיינע ווענט, אויף דעם בלאָ פון מיין ווייכער סאָפע און ווייכער וויג־שטול. און האָב איך ניט געזען לאָפּקאָוואַ'ן טאַנצען, האָב איך נעכטען געזען איירין קאַסעל טאָן דאָס זעלבע (מער אָדער ווייניגער) מיט איר שלאַנקער פיגור. און האָב איך ניט געהערט אַרטור רובינשטיינען האָב איך גע־הערט פּאַבלאָ קאַזאַלסען. אויך איך האָב שוין אין מיין לעבען געפרישטיקט מיט אַן אַנגענעמער קאָמפּאַניאָנקע און איצט זיץ איך אויף מיין שטול און רויכער, ווי דער גאָטזעליגער שמ"ר וואָלט געזאָגט, אַ פיינעם דיקען האַוואַנאַ ציגאַר, און, גאָט מיינער, פאַרוואָס קאָן איך זיך ניט באַהען אין דער אָזערע פון פלאַכען גלויבען אין קלייוו בעל, אַן ענגלישמאַן, וואָס האָט אויף זיין אייגענער הויט דורכגעמאַכט אַ מילכאָמע מיט אַלע אירע גרוילען קאָן יאָ.

און עפּשער בין איך גאָרניט אומעטיג, נאָר ס'איז אַ מין נעשאָמע־אויסגוס פון דעם סאָרט, וואָס אַלגין האָט אונז סער־ווירט אין דער „נייער וועלט — עמעס" פון דעם 21טען יאַנואַר. דו, פריינט מיינער, ווייסט דאָך, אַז אַלגין האָט זיך אַריינגע־וואָרפען באַלד נאָך זיין צוריקקער פון דעם לאַנד פון דער סאָציאַ־לער רעוואָלוציע, מיט דעם גאַנצען קויאַך פון זיין פּען צו לויבען דאָס אָנגענומענע, דאָס פון אַלעמען פאַרשריגענע, דאָס אויסגע־טראָטענע. איצט מורמעלט ער עפּעס וועגען דעם, אַז דער מענש פון 1915 איז ניט דער פון 1922. נייע ווינטען האָבען אָפּגעווישט דעם זשאַווער פון די נעשאָמעס.. ער רעדט אויך וועגען שולען. אַ שרייבער וואָס האָט זיך גאָרניט אויסגעלערנט און גאָרניט פאַרגעסען די לעצטע יאָרען, איז אַן אָפּגעשלאָגענע הוישיינע. און, ענדליך, אַז דער עיקער איז די נייע לעבענס־עמפּפינדונג. מען קאָן זען באַשיינפערליך, אַז דער גאַנצער נעשאָמע־אויסגוס איז אַרומגעשריבען אַרום דעם וואָרט „נייע לעבענס־עמפּפינדונג". וואויל זיי, וואָס געפינען ד אָ ס וואָרט, וואויל זיי וואָס געפינען אין וואָרט דעם מאַגישען נאָכשליסעל צום פּלאָנטער. וואויל זיי, ווייל זייערס איז ד י וועלט און יענע וועלט. מעג שוין אַלגינס נעקסטער אַרטיקעל זיין וועגען דעם ליטעראַרישען ווערט פון בערקאָוויטשעס לאַנדסלייט. דאָס וואָרט איז דאָ! לעבענס־עמפּפינדונג!

פריינט מיינער, עפּשער נעמסטו זיך אונטער צו דערציילען אַלגינען, אַז אין די לעצטע פּאָר יאָר האָבען עטליכע דיכטער פון דער אידישער אַמעריקע איבערגעשאַצט די ווערטען פון דער אידישער דיכטונג און אויפגערודערט די עפענטליכע מיינונג פין גאָר דער וועלט אַבוץ דער אַלגין־וועלט.

ביי אַ געלעגענהייט דערצייל עס אים. ס'קאָן טאַקע זיין, אַז די גאַנצע זאַך איז ניט מער ווי אַ זייפענבלאָז, אָבער פאַר־וואָס זאָל עס אויך דר. מאַיסעי אַלגין ניט וויסען?

פריינטליך דיינער,

יעקב גלאַטשטיין.

## לעגענדע.

(נאָך מעסיל וו. ראַבערטסאָן'ס בילד. מאַריאַנעטען־טעאַטער מאַטעריאַל).

.1
הענגען שטאַנגען
פון דעם הימעל,
ציט זיי
צו דער ערד.

זיצען שוועסטער
איינע און איינע:
איינע אַ גרויסע,
איינע אַ קליינע.

ווער פון די
צוויי איז די
וועמען ס'ציט
צום הימעל צו?

.2
האָבען זאַכען
זיך פאַרלאָפען
אינ'ם ווינקעל־רויט
אין מיידעלשען.

און ס'וועט נאָך
און נאָך געשעען.
זיצט די גרויסע
אויף אַ סאָפע,

טראַכט פון נעכטען,
אָוועגט־שיין,
אָנגעטאָן דאָך;
אָבער נאַקעט,

אין די האָר דעם
סאָד פאַרוויקעלט,
דרעמעלט שטיל די
קליינע איין.

.3
און אין כאָלעם
ווי די וועלטען
„יא“ און „ניין“
זענען בלויז

„איינס“ און „איינס“ —
דאָרט איינע און איינע —
איינע יונג און
איינע אַלט.

.4
ס'האָט דער דרעמעל
דאָס פאַרביטען
וואָס די איינע
זיצט און וואַכט,

און די איינע
וואָס איז ערדיש
וועט זיין הימעלדיג
צונאַכט.

און די זונען
וועלען שיינען
ווי די האָר וואָס
אויפ'ן לייב

פון דער איינער
וואָס וועט ווערען
ווי די צווייטע
פרוי און ווייב.

.5
וועט דאָך עפּעס
ווי פאַרלויפען
אין דעם אַמפּער
צווישען זיי:

(בלוטען וועלען
ס'מוי.ל פאַריאָגען,
ביינער קנאַקען,
קאָפּ פאַרשלינגען).

.6
אין דער מינוט
קומט שטי.ל אַריין
מיט אַ פליג אויף דער נאָז
מינערוואַ —

מיכל ליכט.

## רו.

ח. גוטמאַנען.

אויפ'ן בוים רויטלען זיך די עפּעל.
שאַרפע דופטען שיקערען מיט רו.
אין די הענט פון וועלקען גראָז,
ציט דאָס מידע לייב.
און אויפ'ן שוואַרצען וואָרצעל
זינקט דער קאָפּ
זיס, פאַרגעסען, אָהן געדאַנקען.
די אויגען — אָפען ווי דער הימעל.
דער הימעל — ווי די אויגען —
בלוי און אָפען.
נאָר צוקאָפּענס, אין דעם שוואַרצען וואָרצעל
אָדער אין די וואַכע אויערען,
פרעפּלען הייליגע פליגען.
אָדער גאָר אין קאָפּ
רירען זיך, וויגען זיך געדאַנקען,
ווייסע, הייליגע, נאָך ניט געבוירענע,
און מורמלען טפי.לעס
צו דעם,
וואָס אָטעמט אין בלוי
און צינדט אין דער בלוי
זיין וואַרימען גאָלדענעם פליגעל.

מאַני לייב.

## הידרע.

קיינע וועגען פירען שוין ניט מער פון מיר צו דיר.
די לעצטע שפורען זענען שוין אויך אָפּגעווישט.
אויב עס קושט מיך נאָך ווען אַ געדאַנק וועגען דיר,
שטאַרבט ער אויך אָפּ איידער ער דערגרייכט מיין האַרץ.
אונזערע טעג — בלוי־ליכטיגע אַפילע אין סאַמען בוישען —
בלייבען זיך און וועלען באַלד פאַרשווינדען
אונטער די שוואַרצע דעקען פון די פאַרגאַנגענע נעכט.
אָבער פון דעם לאַבירינט פון מיין זיקאָרען
קאָן איך דיך שוין מער ניט אַרויסשטויסען.
הידרע!
מיין האַנט איז שוין מיד.
אויף דעם בלאַנק פון מיין שווערד גליווערט שוין דאָס בלוט
פון דיינע אָראָפּגעפאַלענע קעפּ.
אָבער מיט יעדען פאַל שפּרינגט אַ נייער קאָפּ אַרויס אויף דיר.
און דיינע פאַרדאַרבענדיגע אויגען קוקען מיט טויט אויף מיר.

וועמעס קאָפּ וועט דער לעצטער פאַלען?

# אַ שטיקעל אייזען.

איך האָב אויפגעהויבען אַ קליין שטיקעל געטאָקט אייזען.
מיינע הענט האָבען אויפגעציטערט
פון דער פאַרעטערישער קאַלטקייט פון די מאָלעקולען.
איך ווייס נישט פאַרוואָס איך האָב זיך דערמאָנט אָן מיינע פריינט,
ווען זיי קושען מיינע ליפּען,
דערפיל איך דאָס קאַלטע טראָציגע אויג פון אַ שאַרף מעסער אונטער מיר.
אונטער די וואַרימע לאַסקעס פון מיינע פינגער
האָט דאָס האַרץ פון אייזען נאָכגעגעבען.
און אַ ווילדען פייער-טאַנץ פון די אויפגעלעבטע מאָלעקולען
האָב איך אין מיין האַנט דערפיהלט.
איך ווייס נישט פאַרוואָס איך האָב זיך דערמאָנט
אָן דיין האַרץ וואָס איז אַזוי קאַלט
ווי די קורצזיכטיגע שאָען פון אַ ווינטער-טאָג,
וואָס קיין זון קאָן זיי מער נישט דערוואַרעמען.

יעקב סטאָדאָלסקי.

## טעג.

וויינען די פאַרשעמטע וואָכען-טעג און זאָגען:
ס'האָט די גאַס אַנגעהאַנגען קאָלירטע סטענגעס און אויסגעצוואָגען
עטליכע פון אונזערע לייבליכע און זיי אָנגערופען יאָמטיווים,
דערפאַר וואָס איין מאַכנע האָט געשלאָגען די אַנדערע
אין יענע מאָזעלדיגע טעג.
און מיר וואָס האָבען פרידליך זיך געריסען
פון דעם לואַך פון דער וועלט,
מיר וואָס האָבען שטיל אויסגעזונגען אונזערע רואיגע פיר-און-צוואַנציג שאָ,
מיר וואָס האָבען באַגליקזעליגט די וועלט מיט דער רו פון גאָרניט געשען,
שפייען פאַרוואָרלאָזט און גראָ
און ס'רירט אונז גראָב אָן די סאַזשע פון יעדען שוואַרצען אַרבעטאַרער,
וואָס וואַשט זיינע הענט אין די טעג מיט די קאָלירטע סטענגעס בלויז דערפאַר,
וואָס ס'איז זיין עלטער-זיידע דער נאַר
געפאַלען אין די מאַכנעס וואָס האָבען געשלאָגען איינע די אַנדערע.

וויינען די פאַרשעמטע וואָכען-טעג און בעטען:
איר וואָס ווייסט אַז אייער יאָמטיף וועט קיינמאָל ניט קומען,
פייערט אונזערע גראָע שאָען
מיט גאָרניט טאָן.

יעקב גלאַטשטיין.

## ברידער לידער

ברידער, לידער זענען אויך אַזוי.
אַ שפּיל אָהן ציל. זיי ווייסען וואויל
וואַנדערען פון איין אין אַנדערען
און געפינען האָט קיין זינען קיינמאָל ניט.
דער שפּיץ איז אַ וויץ וואָס קלינגט
און זינגט גאָר אַנדערש צו צווי
אויערען וואָס הערען צווי,
און דער ציל, אַזוי ווי דער קינדער-שפּיל,
צו צווי אויגען וואָס זעען צווי.
לידער זענען מער ווי צווי.
יעדע ליד, ווי איר זעט מיך אַ איד,
איז מער ווי צווי.
און יעדער איד איז מער פון צווי.
אָט גיי איך אייך זאָגען ווי אַזוי.—

(וועט פאָרגעזעצט ווערען אין נעקסטען נומער).

ה. גאָלד.

## קעז.

(1)

דאָס קעצעל ברומט ביי מיר אין שויס
און קוקט מיט וואַרעמען בורשטין.
און וויפיל כ'טרייב עס ניט אַרויס —
עס קומט צוריק מיט אויגען גרויס,
מיט אויגען געל, מיט אויגען גרין,
און שפּרינגט אַרויף, און שטרעקט זיך אויס,
און נורעט ווידער זיך אין שויס.

אין שטוב איז וואַרעם, אַנגענעם.
דאָס קעצעל טוליעט זיך באַקוועם,
און זוכט ביי מיר אַ גלעט.
כ'נעם צערטלען לייכט דעם ראָזען קין,
די אויגען פינקלען טונקעל-גרין
און זשמורען זיך אין אַ געבעט.
און ווען זיי עפנען זיך צוריק,
איז לויטער אָפּגעבונג דער בליק.

איך גלעט דאָס קעצעל לאַנג און שטום
און הער זיך איין אין זיין געברום,
אין אָט דעם מאָרנעם קאַצען-ליד.
ניט מער קיין קאַץ — אַ פוילער קנויל.
דאָס צימער אָטעמט שווער און פויל.
דער דיל און ווענט — פאַרכאַלעשט-מיד.

(2)

אין האַרעם, ווייט אין סאַמאַרקאַנד,
אין שטילער שאָ פון אָווענט-צייט,
אויף קישעלאַך פון ווייכען זייד,
דראַפּירט אין געל און גרין געוואַנד,
דאָרט זיצען שאָען נאָכאַנאַנד
די שענסטע פרויען פון דעם לאַנד,
און ציען זיך, און שטרעקען זיך,
און דרימלען איין, און וועקען זיך,
אין האַרעם, ווייט אין סאַמאַרקאַנד.

אום יעדער איינער פרויס פיגור
הענגט שווער אַ לאַנגער קרעלען-שנור.
און יעדע גלעט דעם הייסען באַנט
און פרעסט אים איין אין ווייכער האַנט,
און וויקעלט זיך אין אים אַריין.
און יעדע ציט דעם שנור און ציט,
און יעדעס אויג גליט אויף און גליט,
און זשמורעט זיך באַלד ווידער איין.
לאַנג פליסט די שאָ, און פויל און שטיל,
און לאַנג האַלט אָן דער קרעלען-שפּיל —
אין ראָזען אָפּהענגיגען שיין.

די שטיינער פינקלען רויט און בלאָ,
און עמעראַלד, און געל און גראָ,
און גיסען מידען אַראָמאַט.
און יעדע האַנט ציט אַלץ דעם באַנט.
אין האַרעם, ווייט אין סאַמאַרקאַנד,
וואו אַלץ איז וואַרעם, ווייך און מאַט,
וואו אַלץ ליגט האַלב אין היינער-פלעט,
און גאַרט און בעט דעם האַרס אַ גלעט.

א. לעיעלעס.

